# פרשת וישב י"ח – כ"ד כסלו תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **יחיאל** נ"ו בן הר"ר **שאול קאפעלאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהודא צבי בערטראם** הי"ו (חתן הר"ר **אהרן הערש עלבויגען** הי"ו), שהתקיים באולם הילטאן (ניו דזשערסי).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ב סעיף ח') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ויותר** יעקב לבדו, ויאבק איש עמו עד עלות השחר (לב-כה). רש"י טייטשט, אז יעקב אבינו האט שוין געהאט אריבערגעטראגען אלע חפצים אויף די אנדערע זייט טייך, און שכח פכים קטנים, ער האט איבערגעלאזט דארט קליינע קריגלעך, און ביינאכט איז ער צוריקגעגאנגען דעם מעבר יבק, אריבערצונעמען זיינע קליינע קריגלעך. ויאבק איש עמו, און דעמאלטס האט זיך דער מלאך מתאבק געווען מיט אים. און די גמרא (חולין צא.) זאגט, מכאן לתלמיד חכם שלא יצא יחידי בלילה, א תלמיד חכם זאל נישט ארויסגיין אליין ביינאכט, ווייל די מזיקין קוקען אויף א תלמיד חכם, און ער קען צוקומען צו א היזק.

**ווי** קומט עס, אז וועגן אפאר פרוטות זאל יעקב אבינו צוריקגיין נעמען די פכים קטנים. זאגט די גמרא (שם) מכאן לצדיקים שחביב עליהם ממונם יותר מגופם, ביי צדיקים איז זייער געלט מער חביב ווי זייער גוף. יעקב האט מפקיר געווען זיין גוף, ער איז געגאנגען אליין ביינאכט, אפילו ער קען ניזק ווערן, ווייל ער האט חס געווען אויף זיין ממון. און די גמרא פרעגט, וכל כך למה, פארוואס איז ביי זיי ממונם חביב עליהם יותר מגופם, און זיי געבן אכט אויף יעדע פרוטה. זאגט די גמרא, לפי שאין פושטין ידיהם בגזל. די פשוטע פשט איז, אז עס איז נישט ווייל זיי זענען קמצנים, און פארדעם זענען זיי חס אויף זייער פרוטה, נאר עס איז ביי זיי חשוב זייער געלט, ווייל זיי פלאגן זיך אויף זייער געלט, זיי געבן אכט אז זיי זאלן נישט פושט זיין ידיהם בגזל, און יעדע פרוטה וואס ער האט, קומט אים אן מיט שוועריקייט, און וועגן דעם איז ממונם חביב עליהם יותר מגופם.

**אבער** מען דארף נאך אלץ פארשטיין, עס איז דא אסאך מענטשען וואס געבן אכט אז זיי זאלן נישט גזל'נען ביים חבר, און פון דעסטוועגן דאך וועלן זיי נישט צוריקגיין נאך קליינע קריגלעך. פארוואס נאר ביי צדיקים זאגט מען אז ממונם חביב עליהם יותר מגופם, ווייל זיי געבן אכט אויף זייער געלט, אז זיי זאלן נישט נעמען פון גזל.

**עס** קען אפשר זיין, דער ענין דערפון איז. עס שטייט אין די גמרא (ברכות כ:) אז די מלאכים האבן געפרעגט דעם אייבערשטען, עס שטייט אין די תורה (דברים י-יז) אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד, דער אייבערשטער איז נישט נושא פנים, און ער נעמט נישט קיין שוחד. און ביי ברכת כהנים זאגט מען (במדבר ו-כו), ישא ה' פניו אליך, דער אייבערשטער איז יא נושא פנים פאר יודען. האט דער אייבערשטער געענטפערט, וכי לא אשא פנים לישראל, קומט זיך דען נישט פאר יודען אז איך זאל זיי נושא פנים זיין?! איך האב געזאגט אין די תורה (דברים ח-י) ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך, אז ווען א מענטש עסט א סעודה, און ער איז זאט געווארן, דארף ער דאנקען דעם אייבערשטען, און זיי זענען מדקדק עד כזית עד כביצה, אפילו זיי האבן נישט געגעסן כדי שביעה, זיי האבן נאר געגעסן א כזית אדער כביצה, בענטשען זיי אויף דעם אייבערשטען. און וועגן דעם איז זיי דער אייבערשטער נושא פנים.

**עס** שטייט פונעם **רבי ר' בונם פון פרשיסחא**, ווען א מענטש באקומט א מתנה, און עס איז ביי אים חשוב די מתנה וואס ער האט באקומען, איז דא צוויי סיבות, וואס ברענגט די חשיבות פון א מתנה. איינס, אז דאס וואס מען האט אים געגעבן איז באמת זייער א טייערע זאך. ער האט באקומען א גאלדענע זייגער, ער האט באקומען א זאך וואס

איזווערט אסאך געלט, עס איז א דבר חשוב, איז ער מחשיב אז יענער האט אים געגעבן אזא גרויסע סומע געלט פאר א מתנה. אמאל איז אבער דא, וואס די מתנה פאר זיך אליין איז נישט אזוי חשוב, אבער טאמער ער באקומט עס פון א קעניג, ווערט ער עס אוועקלייגען. אפילו דער קעניג גיט אים נאר א פעדער, איז עס ביי אים חשוב, ווייל דאס האט ער באקומען פונעם מלך. ווען א מענטש באקומט א פרוטה פון א צדיק, אפילו עס איז נאר איין פרוטה, אבער ער איז עס מחשיב אלץ דעם נותן וואס האט עס אים געגעבן. קומט אויס, אז א מתנה קען האבן א חשיבות, אדער אלץ דעם ווערט פון דעם חפץ אליין, אדער אז דער וואס האט אים געגעבן די מתנה איז חשוב, איז ער מחשיב די מתנה, אלץ דעם נותן וואס האט עס אים געגעבן.

**דער** אייבערשטער האט געהייסען, אז ווען א יוד עסט כדי שביעה, זאל ער דאנקען דעם אייבערשטען. כדי שביעה מיינט, אז דו האסט באקומען א מתנה חשובה. אז דו האסט געגעסן א געהעריגע סעודה, און דו ביסט זאט געווארן דערפון, האסטו באקומען וויפיל דו דארפסט, דארפסטו דאנקען. אבער טאמער דו ביסט נישט זאט געווארן דערפון, האסטו נישט באקומען אזא חשובע מתנה אז דו זאלסט דארפן מברך זיין דערויף. אבער ווען א יוד איז זיך מתבונן, פון וועם האב איך באקומען דעם כזית אדער כביצה? פונעם רבונו של עולם! ער נארט זיך נישט, אז כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, נאר ער האט עס באקומען פונעם אייבערשטען. דאנקט ער דעם אייבערשטען אפילו אויף א כזית און א כביצה. ווייל דאס האב איך באקומען א מתנה פונעם רבונו של עולם, און אז דער אייבערשטער גיט מיר א מתנה, בין איך עס מחשיב.

**מיר** אלע גלייבען, אז וואס מיר האבן, איז פונעם אייבערשטען. אבער עס איז אנדערש די עבודה פון א פשוטער יוד, ווי די עבודה פון א צדיק. ווען א מענטש פארדינט געלט, און ער ווייסט אז עס קומט פונעם אייבערשטען, טראכט ער אבער אז ער האט אויך א יד דערין. ער פארשטייט גוט צו ביזנעס, ער פארשטייט וואס מען דארף צו טון. ער ווייסט אבער אזוי פיל, אז דער אייבערשטער קען אים קאליע מאכן זיין ביזנעס. אז דער אייבערשטער וויל נישט, גייט עס נישט. דאנקט ער דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אים געלאזט פירן זיינע געשעפטן אזוי ווי ער האט געוואלט. ער האט זיך נישט אריינגעמישט אינדערמיט, נאר ער האט אים געלאזט פירן, אז ער זאל פארדינען. ער גלייבט טאקע אז אלעס קומט פונעם אייבערשטען, אבער 'ער' טוט עס. דער אייבערשטער איז דאך אבער א כל יכול, און ער קען עס אויך צונעמען, דער אייבערשטער איז אבער א גוטער, און ער האט אים געלאזט פירן זיינע געשעפטן.

**א** צדיק איז אנדערש. א צדיק ווייסט אז ער אליין קען גארנישט טון. עס איז נישטא קיין כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה. לא לחכמים לחם, ולא לנבונים עושר (קהלת ט-יא), אלעס איז א מתנה פונעם רבונו של עולם. ער דארף נאר טון השתדלות, אלץ דעם חטא פון אדם הראשון, אבער דער באשעפער האט עס אים געגעבן. א צדיק, אפילו א קלייניגקייט וואס ער האט באקומען, איז ער עס אויך מחשיב, אלץ דעם נותן. פון וועם האב איך עס באקומען? פונעם רבונו של עולם! איך האב באקומען א פרוטה פונעם אייבערשטען, איז עס ביי מיר חשוב.

**ווען א מענטש פארלירט א ניקע"ל אדער א פענ"י, ווערט ער זיך אסאך מאל ניטאמאל באדערן, אז ער זאל זיך אראפבייגען עס אויפצוהייבן. עס איז נישט אזויפיל ווערט ביי אים די פרוטה, אז ער זאל זיך מטריח זיין עס אויפצוהייבן. ווערט ער האבן מיט א פענ"י ווייניגער. עס איז מיין געלט, איך האב זיך געפלאגט דערויף, און פאר א פענ"י איז מיר נישט ווערט אז איך זאל טון די פלאג עס אויפצוהייבן. אבער ווען ער קוקט, אז די געלט וואס ער האט, האט ער באקומען פונעם רבונו של עולם, פאר עפעס א תפקיד. עס איז א מתנה פונעם אייבערשטען, דער באשעפער האט עס דיר געגעבן, צו ווייל דו זאלסט עס נוצן פאר דיר, צו כדי דו זאלסט עס געבן פאר צדקה, צו טון דערמיט א דבר טוב, ווערט ער אכט געבן אויף בל תשחית, אפילו אויף א זאך וואס איז נאר ווערט א פרוטה. עס איז**

**דעם אייבערשטענ'ס פרוטה, דער אייבערשטער האט עס מיר געגעבן. און א מתנה פונעם אייבערשטען איז מען נישט מזלזל אין דעם.** - צדיקים איז חביב עליהם ממונם יותר מגופם, עס איז ביי זיי חביב זייער געלט, ווייל זיי טראכטען שטענדיג, איך האב עס באקומען פונעם אייבערשטען, און א זאך וואס מען באקומט פונעם רבונו של עולם, גיט מען אכט דערויף.

**יעקב** אבינו שכח פכים קטנים. פכים קטנים איז א אנדערער מענטש מפקיר, איך דארף נישט די פכים קטנים. אבער ווען א מענטש גלייבט, אז אלעס האט ער באקומען פונעם אייבערשטען, דער באשעפער האט עס מיר געגעבן. און אז דער אייבערשטער האט אריינגעשיקט אין מיין רשות די פכים קטנים, איז א סימן אז עס האט עפעס א שייכות צו מיר, און איך דארף עס נוצן פאר כבוד ה'. כל מה שברא הקב"ה בעולמו, לא בראו אלא לכבודו (אבות ו-יד), איז יעקב אבינו צוריקגעגאנגען אפילו אויף פכים קטנים אויך. עס האט געהאט ביי אים א חשיבות, אפילו א קלייניגקייט.

**די** גמרא (ברכות לה:) זאגט, אז ווען א מענטש איז נהנה פון די וועלט אן א ברכה, איז כאילו גוזל להקב"ה וכנסת ישראל, עס איז א בחינה פון גזילה. לה' הארץ ומלואה (תהלים כד-א), די גאנצע וועלט איז דעם אייבערשטענס, און דו האסט נישט א רעכט צו נעמען א זאך, ביז דו האסט נישט מברך געווען דערויף. ווען א מענטש נעמט א זאך און ער איז נישט מברך דעם אייבערשטען, זאגט די גמרא, איז עס א בחינה פון גזל.

**צדיקים** אין פושטין ידיהם בגזל, מען רעדט נישט פון גזל פונעם חבר, נאר ביי צדיקים איז נישט דא אזא זאך, אז זיי זאלן נעמען א זאך פון די וועלט, און נישט מאכן א ברכה דערויף. זיי גזל'ן נישט פונעם אייבערשטען. ער ווייסט אז אלעס וואס ער האט, האט ער באקומען פונעם רבונו של עולם. און אז ער האט עס באקומען פונעם אייבערשטען, איז וועגן דעם ממונם חביב עליהם יותר מגופם. יעקב אבינו לאזט נישט איבער אפילו פכים קטנים, עס איז נישט מיינס, עס איז דעם אייבערשטענ'ס, און דער באשעפער האט עס מיר געגעבן, אז איך זאל טון דערמיט עפעס א גוטע זאך. און אז איך האב עס איבערגעלאזט, דארף איך עס גיין אפנעמען. צדיקים אין פושטין ידיהם בגזל, יעדע זאך וואס זיי באקומען, זענען זיי מברך את ה'. און אז מען איז מברך את ה' אויף יעדע קלייניגקייט וואס מען האט, איז מען מחשיב יעדע זאך וואס דער באשעפער האט געגעבן, און וועגן דעם איז חביב עליהם ממונם יותר מגופם.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרב **יהודא פישער** שליט"א (בן הרה"ג רבי **מנחם פישער** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו במאנסי), **עב"ג בן הר"ר מרדכי הערש לוגער** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **חיים שלמה בערגער** שליט"א רב דקהל מגדל השן ליביטשוב, עב"ג בת הרב **חיים הלוי זילבערמאן** שליט"א, שהתקיים באולם קהל חסידים.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אהרן קאהן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אפרים קויפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת וישב</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **סיני ווייס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ראובן קאליש** הי"ו, שהתקיים באולם דיקאריעם. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי יחזקאל**

**הורוויץ שליט"א** אב"ד שטראסבורג, עב"ג **הרה"ג רבי ירחמיאל משה חיים זינגער שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***יום רביעי פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **חיים שלמה ראטענבערג** שליט"א, עב"ג בת הרב **שלמה לייפער** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה שטיינבערג** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **נחמן מרדכי מיסקי** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הרב **מיכאל פסח אויסטערליץ** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יוחנן הערצאג** הי"ו (מאנטריאל), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת וישב***

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הרב **מאיר ישראל איסר לודמיר** שליט"א (**בן הרה"ג אב"ד פרעשבורג שליט"א, חתן הרה"ג אב"ד בראשוב שליט"א**) שהתקיים בבית המדרש פרעשבורג. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובאמירת הברכות. אחר הסעודה השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונתכבד בברכת המזון.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל **הרה"ג רבי חיים האגער שליט"א** אב"ד קאסוב-זאליטשיק, ואחיו **כ"ק האדמו"ר מקאסוב שליט"א**, שישבו שבעה על פטירת אמם הרבנית ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**אב"ד קאסוב-זאליטשיק:** אין דעם בית המדרש ווערט אסאך געלערנט **שמן ראש**, איך זאגט אסאך נאך פונעם רב.

**רבינו:** נו, זאל זיין שפתותיו דובבות בחיים.

**האדמו"ר מקאסוב:** איך בין געווען אפאר חדשים צוריק (בחודש אלול העעל"ט) אין די ישיבה גדולה אין פלעטבוש (ומסר שיחה כהכנה לימי הרחמים). עס איז זייער שיין די ישיבה (ודיבר בשבח הישיבה גדולה והישיבה קטנה שעולה מעלות רמות בכמות ובאיכות, ובשבח מנהלי הישיבה שעוסקים במסירות נאמנה במלאכת הקודש).

**רבינו:** אמאל האט מען אליין געלערנט, מען האט נאר געדארפט האבן א רבי וואס זאל צוהעלפן. היינט דארף מען האבן איינער וואס זאל פארשטיין צו זיי.

**האדמו"ר מקאסוב:** ווען דער **האדהאזער רב** וואלט היינט געפירט א ישיבה וואלט עס געווען זייער שווער...

**רבינו:** דור דור ודורשיו. איך האב געזעהן שטיין, אז רש"י (דברים לא-כח) ברענגט צו, אז פאר משה רבינו איז נסתלק געווארן, איז נגנז געווארן די חצוצרות וואס משה רבינו האט געמאכט. יהושע האט נישט געהאט די חצוצרות, וואס משה רבינו האט געהאט. פארוואס האט מען געדארפט גונז זיין די חצוצרות? ווייל די חצוצרות איז געווען למקרא העדה (במדבר י-ב), צוזאם צונעמען דעם ציבור. יעדער מנהיג האט א אנדערען וועג ווי אזוי ער נעמט צוזאם דעם ציבור. וואס משה האט געקענט, האט יהושע נישט געקענט. די חצוצרות פון משה זענען נגנז געווארן, צו ווייזען, אז יעדער האט זיך זיין וועג, וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן אז ער זאל עס אויספירן.

**האדמו"ר מקאסוב:** משה רבינו האט געפירט כלל ישראל פערציג יאר, און נאר פינף עבירות האט ער געטראפן ביי זיי. עס קומט אויס, פאר יעדע צען יאר, איין עבירה.

**רבינו:** די אלע עבירות זענען געווען נאר אין דעם ערשטען יאר, די איבריגע ניין און דרייסיג יאר האט ער נישט געטראפן[א].

*

**האדמו"ר מקאסוב:** איך האב יעצט געזעהן שטיין, פארוואס האט יעקב אבינו נישט געכאפט די גאנצע צוויי און צוואנציג יאר אז יוסף לעבט. ער האט דאך געזען אז ער איז נישט מקבל תנחומין (בראשית לז-לה), האט ער געדארפט פארשטיין אז יוסף לעבט נאך, ווייל א מת ווערט נשתכח מן הלב (מס' סופרים כא-ט). נאר די גאנצע זאך אז גזירה על המת שישתכח מן הלב, איז נאר אויב עס איז דא קבורה, און יעקב אבינו האט געזאגט טרף טרף יוסף (שם לז-לג), און עס איז נישט געווען קיין קבורה, האט ער געהאלטן אז דאס איז די סיבה פארוואס ער איז נישט מקבל תנחומין.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין פונעם **בראשוב'ער רב**, אז רש"י (שם לז-לה) זאגט, 'שעל המת נגזרה גזירה שישתכח מן הלב'. פארוואס איז עס א גזירה, עס איז דאך א גוטע זאך אז דער אייבערשטער האט געמאכט אז מען זאל פארגעסן, אז נישט וואלט דאך א מענטש מיטגעלעבט מיט דעם צער כל ימיו. האט ער געזאגט, עס איז אמת, אז פארן מענטש אליין, פאר די לעבעדיגע, איז עס א טובה. אבער פארן מת, ווילאנג מען געדענקט אים, טוט מען פאר אים גוטע זאכן, מען לערנט פאר אים, און מען לערנט זיך פון אים, אבער אז מען פארגעסט פון אים, איז עס פאר אים א גזירה. דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט א גזירה אויפן מת שישתכח, כדי א טובה צו טון פאר די לעבעדיגע. אבער פארן מת אליין, איז עס א גזירה.

*

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **יקותיאל יהודא פריינד** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א** המתאבל על פטירת אחיו **כ"ק האדמו"ר מצאנז זמיגראד זצ"ל** מב"ב.

*

***<u>שבת קודש פרשת וישב</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** ני"ו.

תפלת מוסף התפלל **רבינו שליט"א** לפני העמוד, לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה. - אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לבקר את הר"ר **ישעי' פאללאק** הי"ו.

תפלת מנחה התפלל **רבינו שליט"א** לפני העמוד, לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה, וערך סעודה שלישית כרגיל עם זמירות ודברי תורה (אף שחל ניטל הראשון).

---

[א] בדרשת ז' אדר תשנ"ט לפ"ק בהספידו על **הרה"ק מהר"י מפשעווארסק זצ"ל** אמר **רבינו שליט"א**, וזה לשונו: שמעתי **מהרה"ק רבי יעקב מפשעווארסק זצ"ל**, כשזכיתי להיות במחיצתו ביחד עם חותנו **הרה"ק רבי איציק'ל זי"ע** בשנה האחרונה לימי חייו. **והרה"ק רבי יעקב זצ"ל** לימד אז פרקי אבות להאנשים הסובבים אותו, ואמר דאיתא במשנה (אבות ה-ד) עשרה נסיונות ניסו אבותינו את הקב"ה במדבר שנאמר (במדבר יד-כב) וינסו אותי זה ער פעמים ע"כ. והקשו המפרשים איך יתכן על דור דעה כמותם שיכשלו בעבירות אלו, וינסו אותי זה עשר פעמים ולא שמעו בקולי. ואמר בדרך צחות, **שהרה"ק ר' אלימלך זי"ע** אמר פעם במוצאי יום הכפורים, כי משעה שסיים תפלת נעילה עד שבא לביתו, עשה חשבון הנפש ומצא שעבר שלש מאות עבירות. (וכנראה הכוונה שבכל תיבה בתפלת מעריב שלא כוון לפי ערכו, וכל רגע שעבר בלי דביקות ולימוד התורה, נחשב לו לחטא). ואם כן בני ישראל במדבר, שחטאו במשך ארבעים שנה, עשרה חטאים, חטא אחד לארבע שנים, הרי הם צדיקים גדולים, וראויים המה להקרא בשם דור דעה ע"כ.

ובדרשת פרק אבות (פ' שמיני תשע"ה) העיר **רבינו שליט"א** בזה, דבאמת החשבון לא מדוייק כל כך, כי **בהרמב"ם ורבינו יונה ורש"י** (שם) נמנו העשרה נסיונות, ומהם ששה (לדעת הרמב"ם) או שבע (לדעת רש"י) היו קודם מתן תורה, ולאחריו היו שאר החטאים, וכמעט כולם היו בשנה הראשונה במדבר. אך גם זה נקרא דור קדוש, עשרה חטאים לשנה, ושוב ל"ט שנים בלי חטא של נסיון.